יחיאל פֿײַנער
צווייאונצוואַנציק: לידער
קולטור־ליגע, וואַרשע, 1931

צווייאונצוואַנציק לידער;
צווייאונצוואַנציק יאָרן
אַ שטראַל אין טונקל־מידער
האָט שטום אַ קבֿר געגראָבן

---

צווייאונצוואַנציק לידער;
צווייאונצוואַנציק יאָרן.

__**טריאָלעטן**__
1
**ציטער**
די נאַכט האָט אין שוואַרצעניש אַ בלאָקייט פֿאַרלוירן
בלאָנדשעט זי אויף וועגן אין קאַלטן שטומען—
קום לאָמיר גיין אויפֿזוכן צווישן פֿעלד־בלומען;
דעם בלאָען סוד וואָס נאַכט האָט פֿאַרלוירן
אפֿשר איז׳ס אַ ווּנדער־שטראַל געוואָרן געבוירן
וואָס וועט פֿאַרטונקלען דעם אויפֿגאַנג פֿון באַגינען
צוליב נאַכטישער פֿאַרגעסעניש האָט זי עס פֿאַרלוירן
און עס בלאָנדזשעט אויף וועגן אין קאַלטן שטומען.

2
*******
*נאַר*... ס׳האָט נאַכט בלויז אַ שטילן ציטער געטאָן
אַרויסגעפּיקט פֿון אויגן אירע, צוויי שוואַרצע טרערן
דאָס איז דאָך פֿון הימל געפֿאַלן אַ שטערן—
און נאַכט האָט שטיל בלויז אַ צאַפּל געטאָן.
באַם אויפֿגיין פֿון באַגינען וועט אויסקרייען אַ האָן
זײַן הספּד, וואָס קיינער וועט נישט הערן
בלויז איך מיט נאַכט וועלן אַ ציטער טאָן—
ס׳איז פֿון הימל געפֿאַלן מײַן שטערן ...
3
**טהרה**
ס׳וועט אייביק שוין ווייטיקן די מוראדיקע ווּנד
וואָס „שײַלאָקס“ האָבן אין מײַן ייִנג־לײַב אײַנגעביסן,
האָבן מײַן יוגנט־טרוים מיר אַוועקגעריסען—
ס׳וועט אייביק שוין ווייטיקן די העסלעכע ווּנד,

ווי צער אָנגעברייטער פֿאַר אַ קינד—
וואָס וועט זייַן מוטער נישט מער דערוויסען—
אייביק שוין וועט ווייטיקן די מוראדיקע וווּנד
וואָס זיי האָבן אין מייַן ייִנג־לייַב איינגעביסן.

4

**זעיר־אַנפּין**

הייַנט בייַנאַכט וועל איך אויפֿשנייַדן ס׳האַרץ
און אַרייַנצאַפּן בלוט אין מייַן נאַכט־לעמפּל
זאָל ברענען מייַן איינזאַם שטיבל וו׳אַ טעמפּל
הייַנט בייַנאַכט ווען איכ׳ל אויפֿשנייַדן ס׳האַרץ!
ביז אַ ריס טאָן וועט זיך אַ לעצטער קראַכץ
און פֿאַלן אַראָפּ ווי אַ קאָשמאַר־טרעמפּל—
וועל איך הייַנטיקע נאַכט אויפֿשנייַדן ס׳האַרץ
און אַרייַנצאַפּן בלוט אין מייַן נאַכט־לעמפּל.

5

**אומעט**

וו׳אַ יאָרצייַט־ליכט אין בית־המדרש
וואָס צאַנקט אויפֿן ברעג פֿון עמוד—
צאַפּלט מייַן לעבן און גייט אויס תּמיד
וו׳אַ יאָרצייַט־ליכט אין בית־המדרש .
און שפּרייַז איך איבער גאַסן טרוימעריש
איז *מרקד* פֿאַר מייַנע אויגן דער אומעט
וו׳אַ יאָרצייַט־ליכט אין בית־המדרש
וואָס צאַנקט אויף אַ ברעג פֿון עמוד.

6

**טרייסט**

ווער וועט מיר באַצאָלן פֿאַר די מינוטן
ווען סע׳גוססט אין יסורים מייַן געמיט
ווען סע׳טראָפּט אויפֿן פּאַפּיר מייַן בלוט
ווער וועט מיר באַצאָלן פֿאַר די מינוטן?
זאָלן זיך כאָטש אויסשנירלען מייַנע געבלוטן
אין שורותלאַך, ווי פּערלען, צו — אַ ליד
זאָל דאָס כאָטש זייַן שׂכר פֿאַר די מינוטן
ווען סע׳גוססט אין יסורים מייַן געמיט.

7

**יאוש**

ווי איובֿ צעקרעציקט אין אַ קריעה־העמד
וועל איך זיצן אויף ערד אין אייגענע פּלאָגן
קיינעם נישט דערציילן, קיינעם נישט אויסיאָגן
נאָר זיצן צעקרעציקט אין אַ קריעה־העמד.
און וועלן פֿרייַנט קומען טרייסטן פֿון דער פֿרעמד
וועלן זיי מיט קללות פֿון מיר אַוועקיאָגן—
כ׳וויל זיצן אַזוי אויף ערד אין אַ קריעה־העמד
הייליקן אין יסורים מייַנע אויסגעזינגענע קלאָגן.

8

**דע־פראָפֿונדיס**

איך שפּיר שוין וואָס ס׳הייסט באַ אונדז אַ דיכטער זייַן
און ס׳איז טאָפּלט דערמיט מייַן וויי!
כ׳זע דעם דערנער־וועג אויף וועלכן כ׳גיי
און כ׳שפּיר שוין וואָס ס׳הייסט באַ אונדז אַ דיכטער זייַן.
ס׳פֿרעסט אויף שרעק פֿון מייַנע אויגן די שייַן
ווי׳אַ ברודיקער פּאָמעשאַף, ווייַס־קלאָרן שניי
כ׳שפּיר וואָס ס׳הייסט באַ אונדז אַ דיכטער זייַן
און ס׳איז טאָפּלט דערמיט מייַן וויי!

<u>**לידער**</u>

9

**דעמערונג**

אין מייַנע אויגן ווער צינט אָן צוויי מנורות
ווען ס׳שטאַרבט דער טאָג אין בין־השמשות,
ווען ס׳וואַלגערט מייַן יתום־קאָפּ, זוכט אַ מוטער־שויס
צווישן פֿאַרוואַקסענע גראָזן אויפֿן בית־הקבֿרות.

אין מייַן האַרץ די ווייטיקן ווער דערוואַכט
ווען עס קומט אָן אין דעמער די נאַכט,
ווען איבער מאַמע־קבֿר נידערט אַראָפּ באַזאַכט
אַ האַלבער לבֿנה־טעלער פֿאַרטראַכט.

אין מייַן פֿעלד ווער האָט פֿאַרשניטן די זאַנגען
ווען איבערן הימל איז אַ שפּראַ־רעגן געהאַנגען
ווער האָט צעחורבט מייַנע קדושה־פֿאַרלאַנגען?

און מייַנע בלאָינקע יגנט־חלומות ווער האָט געפֿאַנגען

מיך געוואָרפֿן צווישן קופּערנע אומעט־שלאַנגען
—ווער האָט פֿאַרשאָלטן מײַנע געזאַנגען ?

10
**וויי**
און גיי איך אויף וועגן איינער אַליין
הער איך מיך רופֿן באַם נאָמען מײַנעם.
קוק איך מיך אום צעחידושט,
אַ פּלא: איך זע נישט קיינעם.

און זיץ איך אין מײַן שטיבל ביחידות,
טוט עמיץ אַ רוף: — י ח י א ל!
—שטיי איך פּוסט און צעטומעלט
ווייס נישט ווער ס׳שרײַט, וואָס מע וויל.

ביז אַמאָל פֿאַרנאַכט, ס׳האָט געגראָט.
מנחה־צײַט אַ צעתּפֿלהטער
בין איך אַרויס הינטערן שטאָט

דערהערט הינטער מיר מײַן נאָמען־אויסגעשריי.
עמיץ האָט מיר אין אויער אײַנגערוימט:
—יחיאל! כ׳בין ס׳אייביקע ווידערקויל פֿון דײַן וויי!

11
**באָהעם**
איך האָב נישט אַ האַרץ ווי אַ צווייטער, אַ דריטער
מײַן האַרץ איז מײַנער אַ חבֿר אַ הייס־געליבטער
—אַנשטאָט קרובֿים, פֿרײַנט, אַ ברודער אַ גוטער
צאַפּלט מיר אינטערן ברוסט אַ סאָלאָוויי־צוויטער.

איך ליב עס, מײַן האַרץ, מיר ליבן זיך אַלע ביידן
און פֿרעג איך עס אַמאָל: ווי לאַנג אַזוי וועלן מיר ליידן?
ענטפֿערט מײַן האַרץ מיר (עס קאָן אויך ריידן:(
—נישט באַשאַפֿן פֿאַר אונדז זײַנען פֿריידן

נאָר קרעכצן טיפֿע פֿון קיינעם נישט דערהערטע
תּשוקות אויסגעבענקטע און וויסט צעשטערטע
פֿאַרפּײַניקטע טרוימען געלײַטערט אין צרות

טראָגן מיר מיט זיך אַ גאַנצן בית־הקבֿרות!
איצט, פֿאַרוואָגלטע נעכט פֿאַרברענגטע אין וואַך—
עך, ברודערקע! מיר פֿאַרמאָגן זיי אַ סך…

12
**האַלבנאַכט**
און בלײַב איך אין מײַן חדרל בײַ אַ פֿאַרלאָשענעם לאָמפּ באַנאַכט
זע איך: אויפֿן הימל מײַן שטערן ט׳זיך פֿאַרטראַכט
אַוודאי איבערן ווײ פֿון מײַנע אייביקע געזאַנגען
אויפֿגעוואַכטע, דערשטיקטע, צעשטערטע פֿאַרלאַנגען,
איבער פֿערזן וואָס כ׳האַלט אין איין שרײַבן
קאָנען אַ טראָפּ אומעט נישט פֿאַרטרײַבן.
גוססט מײַן שטערן, פֿינטלט אָן רו
פֿאַרלעשט, פֿאַרשווינט ערגיץ־ווו— — —
באַזאַמען מיט מײַן שטערן
פֿאַלן אַלע מײַנע באַגערן
פֿון ליכטיקן רוים
אין פֿינצטער־תּהום
האַלב־נאַכט
אויסגעלאַכט.

13
**ייִנגמחנה**
איך בין דער ערשטער וואָס האָב די פֿאַרשטויבטע קלאַווישן
פֿון אונדזערע צאַפּלדיקע ווייטיקן אָנגערירט
דאָס רויע געזאַנג פֿון אונדזער מחנה
וואָס געלעגן ביז הײַנט פֿאַרווירט
האָב׳ך דער ערשטער אויפֿגעוועקט
פֿון צעקאָרטשעטן דרימלען
און מיט אויפֿגעריסענע וווּנדן
עס אויפֿגעהויבן צו הימלען.
כ׳בין דער ערשטער אַרויס
אין פֿאָרנטיקע רייען
נישט באַקלאָגן בלויז

נאָר צעשפּאָטן ווייען
מיט הילכיק־קלאַנג
פֿון געזאַנג.

14
**שפּינוועבס**
נעכטן האָב איך אַ שווערן חלום געהאַט
אָ! סאַרע חלום איך האָב נעכטן געזען—
אויף מײַן בעטל בין איך געלעגן אַ טויטער
אין שטוב איז קיינער נישט געווען.

אַ ליכטל צעקאָפּנס האָט שטיל געברענט
געוואָרפֿן אויף מײַן *לייכע* אַ טויטן־אָפּשײַן—
ווער באמת האָט עס אָנגעצינדן דאָרט
האָב איך בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין

אַז קיינמאָל קיין פֿרײַנט נישט געהאַט
כ׳האָב קרובֿים באַם לעבן נישט געקענט
תּמיד געזעסן אין מײַן שטיבל
צווישן פֿיר פֿאַריתומטע ווענט.

טאָ ווער טאַקע האָט איצט מײַן רעכט געטאָן
אָנגעצינדן פֿאַר יציאַת־נשמה אַ ליכטל;
צוגעשפּאַרט אַ פֿעדער צו דער נאָז
און געלעגט מיר אויפֿן בויך אַ געוויכטל?

שאַ! דאָס איז מײַן מאַמע געקומען
פֿון יענער וועלט, די מאַמע עליה השלום.
האָט ווײַזט־אויס נישט געוויסט
אַז ס׳איז בלויז אַ חלום.

ווי אַ הייליקע ריינקייט אין תּכריכים געהילט
פֿאַרשוואָלענע אויגן פֿון טרערן אויף רויט
איז געשטאַנען איבער מײַן בעטל געבויגן די מאַמע
און באַוויינט מײַן איינזאַמען טויט...

נעכטן האָב איך אַ שווערן חלום געהאַט
אָ! סאַרע חלום איך האָב נעכטן געזען

אויף מײַן בעטל בין איך געלעגן אַ טויטער
אין שטוב איז קיינער נישט געווען.

15
**אַ טאָג געשטאָרבן**
שטילע, אומעטיקע, אָגלדיקע שעהן
באַגלייטן צום קבֿר אַ טאָג אַ גראָען,
שפּאַנען פּוילע ווי שוין אָן באַגערן—
ס׳וויינט דער הימל, קאַפּעט מיט טרערן.

טרויערן אויך מיט פֿון מײַן שטיבל די ווענט
פֿאַרדעקן זיך מיט שאָטנס פֿאַרשעמט
הילן זיך אײַן אין סאַמעט אין שוואַרצן
און קדיש רײַסט זיך אַרויס פֿון האַרצן.

ס׳קומט אָן אַ בלייכע די נאַכט פֿון ווײַטן
רײַסט זי קריעה שוואַרץ און שטום
שעהן קומען צוריק פֿון קבֿרות באַגלייטן
און זעצן זיך שבֿעה שטיל, אַרום...

16
**צוואָה**
און אַז ס׳וועט קומען יענע צײַט, דער סוף פֿון מײַן לעבן
ס׳וועט אָנקלאַפּן אין מײַן טיר די שעה פֿון טויט
ג — ט וועט פֿאַרלאַנגן וואָס אַמאָל ר׳האָט געגעבן
און צעפֿאַלן וועט זיך אַ בנין וואָס ער האָט געבויט—

זאָל קיינער נישט פֿאַרשווערכן די אַקאָרדן פֿון מײַן גסיסה
די לעצטע מעלאָדיען פֿון מײַנע חלומות די זיסע
נישט פֿאַרטומלען מיט יללות, קלאַנגען די שטילע
נאָר אויסהערן שטיל ס׳געפֿלעכט פֿון מײַן לעצטער תּפֿלה:

„האַר פֿון וועלט! ג — ט פֿון וועלט!
„נישט מקיום זאָל ווערן די קללה וואָס כ׳האָב געשטעלט
„יענע בייזע גײַסטער וואָס האָבן מײַן יוגנט פֿאַרוועלקט
„ווײַל נישט געקענט האָבן זיי פֿאַרדאַרבן—
דאָס לעצטע ליד פֿון מײַן שטאַרבן— — —

17
**האַ?**

אפֿשר בין איך נאָר אַ בלויזער חלום, אַ טרוים.
אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַ בלאָען שטערן אין פֿינצטערן תּהום?
אפֿשר אַ שטיק צער פֿונעם גרויסן ים לײַדן,
אַ שטיק ווייטיק ט׳זיך פֿון ים־צאָרן אָפּגעשיידן?

אפֿשר אַן אָפּגעריסענער קלאַנג פֿון אַ ניגון
דורות געבלאָנדזשעט, לסוף געבליבן ליגן—

ווער בין איך — — — — !!?

18

**תּשוקה**

כ׳גיי אויס *פֿון* נאָגעניש נאָך אַן אומבאַקאַנט וואָרט
וואָס זאָל מיט פֿלאַם אויסשפּײַען
מײַן טיפֿן צער, יוגנט־סוד.
ס׳איז מיר נמאס שוין געוואָרן רײַמען לידער
ווייקט איינס אין צער, צופּאָרן נאָך אַ ברודער.
ראַטעווע מיך פֿון פֿאַרגיין — אָ! — ג — ט!
אַנטפּלעק דערבאַרמדיקער דאָס גרויסע וואָרט
וואָס זאָל ברענען ווי אַ סנה אין מײַן אייגענעם מדבר
ווי אַ פֿײַער אַרומכאַפּן מײַן קבֿרדיק לעבן
אַרויסלײַטערן פֿון אונטערגאַנג, פֿון זינקן.

שענק מיט ג — ט! דאָס וואָרט, דאָס גרויסע
אין וועלכן איך זאָל קאָנען מײַן צער
ווי אין אַ ים דערטרינקען!
***
ס׳איז מיר נמאס שוין געוואָרן שלײַפֿן לידער
קלאָגן טאָג־טעגלעך אויף נאַכטיקע חורבנות—
יעדער ווייטיק־ליד וואָס מײַן האַרץ טוט אויסטראָגן
איז נאָר אַ בלויזער שאָטן פֿון דעם
וואָס כ׳האָב באמת געוואָלט זאָגן.
נישט קאַ חילוק ווי לאַנג די חבֿלי־לידה געדויערן
ווערט אַלץ אַ בלאַסער שאָטן געבוירן.
אַזוי גייט מײַן יוגנט אָן תּיקון פֿאַרלוירן
אַזוי קאָרטשן זיך מײַנע נעכט אין שמאַרצן
—ג — ט! לאָז מיר אַ נײַ־וואָרט פֿון האַרצן!

19

**אָטאַזוי**

איך בין נישט קאַ דיכטער, איך בין נישט קאַ פּאָעט
וואָס שאַט מע רופֿט מיך, וואָס שאַט מע רעט;
כ׳בין נאָר געבוירן מיט אַ פֿינצטערן צעבראָכן געמיט
ווען ס׳גלעט מיר אַ ווייטיק, רייַסט אַרויס זיך אַ ליד.
איך בין נישט קאַ דיכטער, איך בין נישט קאַ פּאָעט
וואָס שאַט מע רופֿט מיך, וואָס שאַט מע רעט...

20
**האַרבסט**
ס׳פֿאַרשווינדן מייַנע טעג בליץ־שנעליק
ווי עלעקטער־סלופּן פֿאַרבייַשוועבנדיק
באַם וואַגאָן־פֿענצטער פֿאַרבייַלויפֿנדיק
ס׳דערנענטערט זיך איינציקווייַז האַרבסט—
מייַן פֿרילינג, מייַן פֿרילינג, דו שטאַרבסט!

ס׳פֿאַרוועלקן מייַנע יאָרן און פֿאַרשוועבן
ווי פֿאַנטאַזיעס צעשטערט פֿון לעבן
ווי פֿון פֿאַרדאַרטע בלעטער די וועבן
פֿאַר נע־ונדן דורך אַ בלאָז פֿון ווינט—
מייַן יוגנט, מייַן יוגנט, פֿאַרשוויגט!

ס׳איז מיר פֿון שלעסער, פּאַלאַצן
געבויטע אין לופֿטן
חלומות פֿאַנטאַזיעס אָן סוף און שיעור—
נאָר הענגן אַ ווייטיק געבליבן אין לופֿטן
אין אויג פֿאַרגליווערט אַ טרער...

21
**אייַך...**
אייַך ייִנגע צעטרוימטע נשמות
שענק איך מייַן צעווייטיקט געמיט
ס׳איז די איינציקע טרייסט—
אייַער טרער נאָך מייַן ליד.

קומט, לאָמיר זיך געבן די הענט
אַלע פֿאַרחלומטע וואָס ליידן;
מיר קאָנען זיך, מיר קאָנען זיך
מיר דאַרפֿן זיך נישט דורכריידן.

ס׳ווייסט יעדער פֿון זייַן צער

שטילער אומעט פֿון זײַן פּײַן.
איך פֿיל מיט אײַך אַלע *מיט*
בײַנאַכט באַם טונקלען לאָמפּן־שײַן

ווען כ׳זיץ אין מײַן שטיבל ביחידות
צווישן איינזאַמע ווענטלעך פֿיר
ווען כ׳ווייטיק אויף אייגענעם צער
און געבוירן ווערט מײַן שיר—

שענק איך אײַך פֿאַרחלומטע נשמות
דעם סוד פֿון מײַן צעווייטיקט געמיט
ס׳איז מײַן איינציקער טרייסט—
אײַער טרער נאָך מײַן שטילינקן ליד!

22

**ניגון**

אַ! — אַ! — אַ! אוי וויי! אוי וויי! אוי וויי!
נישט־גיי! נישט־גיי! נישט־גיי!
—צער און לייד! טראַללאַראַללאַ — ליי
טראַלאַליי! אויף וועלט אַרויס נישט גיי!

טאַט — טאַ — ראַטאַט! טאַראַראַטאַט!
אַ לעבן! אַ לעבן! איינער הינגעריק, צווייטער זאַט.
דאַד — דאַראַ — ראַ — דאַד! דאַראַראַדאַד!
איינער משוגע־ווילטאָג, צווייטער נע־ונד!

בעם — בערע — בעם! באָם באָראָבאָם!
נאָכן שפּיל! נאָכן שפּיל! באַם באַראַראַבאָן!
—זעט, באַראַבאַן! עס ציט אַ קאַראַוואַן—
דאַם — דאַראַ — דאַם! דראַדאַראַדאַבאַנד
— צוגעקומען אויפֿן קבֿרות אַ בערגל זאַמד!...